RADOMER KIELCER LEBEN № 3 (91) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ דריטער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 10 זייטע.

אדרעסען

פון „ראדאמער קעלצער לעבען“

אין ראדאם

Redakcja i Administracja

„Radomer Kielcer Leben“

Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.

Redakcja i Administracja

„Radomer Kielcer Leben“

Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאנסען פרייז:

איין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 20 גר.

„ 40 „ אין „ „ „

„ 18 „ נאכ׳ן „ „ „

15 go stycznia 1926 roku

פאר׳ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך

ראדאם פרייטאג כ״ט טבת תרפ״ו

BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp.

plac 3-go maja 5 telef. № 14

די קאאפעראטיווע כוחרים-באנק נעמט אן וועקלאדען פון די קלענסטע סומען אויף שפאר-ביכלעך, ערלעדיגט אלערליי באנק אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאלט אויס די איינקאסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאג.

## די ביבליאטעק ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

אין ראדאם לובעלסקא 25 מעלדעט:

אז לעצטענס איז צוגעקומען נייע

# 500 בענדער

פון דער נייעסטער און מאדערנסטער יודישער, העברעאישער און פוילישער ליטעראטור. —

די ביבליאטעק איז טעטיג 3 מאל וואכענטליך (זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג) פון 7—5 אווענד.

נייע לעזער ווערען אנגענומען אין די א. ד. שעה׳ן.

## דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער הערצליכסטען דאנק די אלע חשובי ראדאמער אין הערען, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער ארגאניזיר-טהעטיגקייט איינצוארדנען די טעאטער-פארשטעלונג לטובת דעם אויפבוי פון דער יודישער אקאדעמישער היים אין ווארשא. מיר דאנקען בעזונדערס די יודישע דראמאטישע חברים טרופע אין ראדאם, וואס האט ביי איהר בעסטען ווילען און איבערגעגעבענהייט אהן אייגענע נוצען געווידמעט איינע פון איהרע פארשטעלונגען לטובת אזא געזעלשאפטליך-וויכטיגען צוועק.

מיט אכטונג:

דער ראדאמער קאמיטעט פון

AUXILIUM ACADEMICUM JUDAICUM

## די קאאפעראטיווע האנדווערקער באנק אין ראדאם, לובלינער 23.

פיהרט אויס אלע באנק — אפעראציעס.

נעמט אן אינקאסא איבערווייזונגען,

וועלכע ווערען אויסגעצאהלט אין דעם זעלבען טאג.

א נזער פריינד מ. קאטליאר און זיין פרוי, צו די חתונה פון זייער ליבען זוהן דוד קאטליאר מיט פרל׳ סאני ריינעס וואס בס קומט פאר אין ווילנא דעם 16/1 ווינשען מיר זיי אז דער נייער לעבענס-וועג פון יונגען פארל זאל באגלייט ווערען מיט פיעל גליק און צופרידענהייט.

סאמועל עם רוזשע זילבערשטיין.

**Helena Frydmanówna** — **Dawid Tenenbaum**

Radom. Luxenburg

# Verlobt

Radom 9 Januar 1925.

מזל טוב דיר מיין ליבער זוהן און ברודער דוד צו דיין פארלאבונג מיט פרל׳ העלע פרידמאן איהר זאלט עביג גליקליך זיין.

מוטער יהודית, עטיל, חיים איטשע טענענבוים.

צו דער פארלאבונג פון מיין ליבע טאכטער פרל׳ חיי׳ מיט ה׳ דוד טענענבוים (לוקסענבורג) ווינש איך זיי, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין עד מאה ועשרים שנה.

פאטער אלי׳ דוד פרידמאן.

Z okazji zaręczyn p. **Heli Frydmanówny** (Radom). z panem **Dawidem Tenenbaumem** (Luxenburg). życzymy aby ich droga była usłana kwiatami.

**Pola Cukrówna,**

Radom. **Bela Goldfarbówna.**

צו דער פארלאבונג פון מיין ליבען ברודער דוד מיט פרל׳ העלענא פרידמאן ווינש איך זיי א גליקליכען צוזאמענבונד.

לוקסענבורג. ירמי׳ טענענבוים.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע קוזינקע העלענא פרידמאן מיט דוד טענענבוים ווינשען מיר זיי א גל קליכע צוקונפט, זאל זייער נייער לעבענס-וועג לויכטען ווי דער פרימארגען אין מייגעם פריליגג.

איטקע, חנה, רעגינא באראכאוויטש.

צו די פערלאבונג פון ה׳ דוד טענענבוים מיט פרל׳ העלענא פרידמאן ווינשען מיר נחיגעס גליק זאל די נאטור אויסשפרייטען אייער לעבענס-וועג מיט שענע דופטיגע בלומען.

אנקעל פסח ווייסבארד עם פרוי און זוהן.

Z intencji zaręczyn naszej ukochanej siostry **Heli Frydman** (Radom). z panem **Dawidem Tenenbaumem** (Luxenburg) życzymy aby droga ich była oświetlona blaskiem wiecznego szczęścia.

siostry **Genia i Rózia.**

צו די פערלאבונג פון מיין ליבען פריינד ה׳ דוד טענענבוים מיט פרל׳ העלענא פרידמאן, ווינש איך זיי, אז זייער נייער לעבענס-וועג זאל זיך אנהויבען פון יענע פריהלונג׳ס גערטנער, וואו בלומען מיט רויזען בליהען מיט פראכט און גלאנץ.

יצחק צייגפינגער.

מעסק.

**Panu Dawidowi Tenenbaumowi**

z intencji Jego zaręczyn

**z p. Heleną Frydman**

życzy wiele szczęścia **Cela Lipszycówna**

צו דער פערלאבונג פון מיין פריינד ה׳ דוד טענענבוים מיט פרל׳ העלענא פרידמאן ווינשט א בליהענדע צוקונפט.

אברהם מאנדעלבוים.

לוקסענבורג.

## יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מגשטש צו פאדלאגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ גיט צו די פאדלאגעס, פאסאזשען און זאלאנען א שיינע און לאנגוויע-ריגע גלאנץ אהן בענוצען זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פערטרעט איל-פארב, פארבט ווייסע פאדלאגעס אין פערלויף

פון א שעה אויף די פארבען:

מאבאגיאווע און טינקעל ארזשעכאווע

פרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno-chemicznych

**„MARY“** Warszawa, Dzielna 48, tel. 286-51.

# ה׳ קעסטענבערג בעמיהט זיך צו רעהאביליטירען פאר דער שטאדט לאדז.

## דער מיטינג פון ה׳ קעסטענבערג ציהט צו אין לאדזער פילהארמאניע־זאל א גרויסען עולם פון פערשידענע קרייזען. — די רעדע פון ה׳ קעסטענבערג ווערט פיל מאל איבערגעריסען דורך איראנישע צווישענרופען און שטורמישע אינצידענטען.

(פון אונזער לאדזער קארעספאנדענט).

### די ערעפנונג

ביי א פולנעפאקטען זאל עפענט דער לאדזער ראטמאן ראגאווי, פארשטעהער פון „פועלי אמוני ישראל" די פערזאמלונג מיט א קורצע רעדע און גיט דאס ווארט דעם ה׳ קעסטענבערג.

### די רעדע פון ה׳ קעסטענבערג

קודם־כל וויל איך אנווייזען אויף דער סבה, וואס האט מיך געברענגט, אז דער רעפעראט זאל געהאלטען ווערען אין לאדז, איך וויל אבער מיטטיילען, אז אזעלכע רעפעראטען וועלען פארקומען נישט נאר אין לאדז נאר אויך אין אלע אנדערע גרעסערע שטעדט אין פוילען. (א שטימע אין זאל: אין ווארשא נישט). אין ווארשא אויך (עס ווערט א גרויסער טומעל) דער, וואס האט געשריגען, אז אין ווארשא נישט. דער ווייסט א ודאי, אז אין ווארשא זענען פערהאנען מעהר שרייערס, מעהר שטערער׳ס. שרייען איז נישט קיין קונץ, שרייען קענען אפילו אזעלכע בהמות, וואס קענען נישט רעדען און האבען נישט קיין פארשטאנד. איך וויל נישט, אז איהר זאלט צופראבירען מיינע געדאנקען. איך בין נישט אהער געקומען אגיטירען פאר מיר אלס סיים־דעפוטאט, אדער אלס רב אין לאדז (שטימען: מיר וועלען אייך קיין מאנדאטען מעהר נישט געבען).

ווען עס שמעקט אין גאס מיט דעמאקראטיזם מיט געוויסען־פרייהייט, מוז עס זיין פאר אלע גלייך, איך מוז איצט נעהמען דאס ווארט פאר דער עפענטליכקייט, ווייל אויב די יודישע פרעסע וואלט מיר געגעבען דאס ווארט, וואלט איך נישט געדארפט האלטען קיין רעפעראטען.

איך בעשולדיג מיט גארנישט די יודישע פרעסע, עס קען זיין, אז זי איז געווען אינספירירט זי האט נישט אויסגעהערט ביידע צדדים, איך אפעליר צו אלע צוהערער אויסצוהערען מיין רעפעראט און דערנאך וועגען דער גאנצער אנגעלעגענהייט אויסגעבען א מיינונג.

איך וויל דא נישט קיינעם פוגע בכבוד זיין, נאר זיך פערטיידיגען, ווייל דער ענין, וועגען וועלכען איך רעד איצט איז ארויסגעטרעטען פון די לאקאלע גרעניצען און איז ארויסגעטראגען געווארען אין דער עפענטליכקייט.

די עפענטליכקייט האט בעוואוסט מיט אזא אינטערעס אויפגענומען זישע ברייטבארד, שטייגער־פראצעס און דער נאך דעם ענין פון הרב קעסטענבערג. איך בין זעהר צופרידען, וואס איך רעד איצט אין לאדז, ווייל די יודישע פרעסע אין לאדז האט דעם גאנצען ענין בעהאנדעלט גאנץ אביעקטיוו. דעריבער האב איך געפונען פאר נויטיג צו לייענען דעם ערשטען רעפעראט אין לאדז (שטימען: מיר דאנקען אייך פאר דער טובה).

דער ערשטער טעזיס מיינער איז: ווי איז געווען די לאגע פון די פריערדיגע רבנים אין ראדאם".

ראדאם איז איינע פון די גרעסטע יודישע קהלות אין פוילען, וועלכע בעזיצט לומדים, געזעלשאפטליכע טוער, אבער ליידער זענען דארט פאראן מענשען, וועלכע ווילען ארויסרופען מחלוקות אין דער קהלה, איך ווייס נישט, צי דאס איז צוליב אייגענעם נוצען, צוליב האס, אדער פריוואטע אמביציעס.

מיט 90 יאהר צוריק איז אין ראדאם געווען רב דער בעוואוסטער גאון ר׳ יהושע, אן אייניקעל פון „נודע ביהודה" און דעם דאזיגען רב האט מען נישט איינמאל מיאוס בעליידיגט, אפילו אין שוהל בעת התפלה. שפעטער איז געווען רב ר׳ שמואל מאהיליווער און אויך איז געווען דאס זעלבע און אזוי האט זיך געצויגען ביז צום היינטיגען טאג.

די ערשטע צייט פון מיין רבנות (געשרייען: דערצעהלט ווי אזוי זענט איהר געקומען צו רבנות!), עס ווערט א שטארקער טומעל, מ׳לויפט איבער׳ן זאל און ס׳הייבען זיך שוין הכאות. עס דויערט א לאנגע ווייל ביז דער עולם בערוהיגט זיך.

קעסטענבערג רעדט ווייטער:

זייענדיג אין ראדאם און לערנענדיג ביי מיין פאטער זאל לעבען, וועלכער געפינט זיך דא אין זאל, האב איך נאכדעם ווי הרב טרייסטמאן איז איבערגעגאנגען קיין לאדז, בעקומען א כתב הרבנות פון די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים, איצט זאגען זיי, אז זיי האבען געמיינט דאס זיי שרייבען אונטער א שטר המק. די מאטיווען פון מיינע געגנער באלד אין אנהויב זענען געווען: אז איך בין א ראדאמער און אז איך בין צו יונג.

ס׳איז געווען אין יאהר 1914 בעת ראדאם איז אריינגעצויגען געווארען אין קריגס־געביט, אויף ראדאם און די אומגעגענד זענען אראפגעפאלען גרויסע אומגליקען, אין סטאשעוו זענען אום יום־כפור געהאנגען געווארען 11 יודען דורך די רוסען, נאך ראדאם איז אפגע-

# פרעזידענט קולידזש בעפרייט א באנדיט פון 25 יאהר טורמע,

## כדי מען זאל איהם קענען אויפהענגען.

דער בערימטער ניו־יארקער באנדיט טשאפמאן איז בעגאנגען צוויי מארדען אין צוויי פערשידענע שטאטען פון אמעריקא. פריהער איז ער גע׳משפט געווארען פאר איין מארד אין אטלאנטא און איז דארט פערמשפט געווארען צו 25 יאהר טורמע. אין א יאהר ארום איז פארגעקומען דער משפט איבער איהם אין הארטפארד (שטאדט קאנעקטיקוט) פאר א צווייטען מארד און ער איז פעראורטיילט געווארען פאר׳ן דאזיגען מארד צו הענגען. דאכט זיך גוט!.. אדער אויב נישט אזוי גוט, איז יעדענפאלס אלץ קלאר. די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא האבען זיך אבער אין דאזיגען פאל פערפלאנטערט, אזוי ווי יעדער שטאט האט זיינע געריכטען, טורמעס און זיינע געזעצען. האבען די אדוואקאטען פון פעראורטיילטען טשאפמאן ארויסגעשטעלט א פאדערונג, אז מען זאל זייער קליענט פריהער אפשיקען צוריק אין אטלאנטער טורמע, וואו ער זאל אפזיצען זיינע כשר פערדינטע 25 יאהר, אויף וועלכע ער האט די „פולע בירגערליכע" רעכטען, און אז די הינריכטונג, צו וועלכער ער איז פערמשפט געווארען אין הארטפארד זאל אויף א פאר צעהנדליג יאהר ווערען אפגעלייגט. די דאזיגע טענה האט משמעות געווירקט אויפ׳ן געריכט, וועלכער איז געבליבען שטעהן אין פערלעגענהייט, מען האט אבער גיך געפונען א מיטעל צו דעם פאל. פרעזידענט קולידזש האט אונטערגעשריבען דעם באנדיט אן׳אמנעסטיע פון מארד, וואס ער איז בעגאנגען אין אטלאנטע און אזוי ארום איהם געשאנקען די 25 יאהר טורמע. גוטאהן האט דער פרעזידענט די „טובה" טשאפמאנען מיט׳ן איינציגען ציל, כדי צו געבען דעם שטאדט קאנעקטיקוט די מעגליכקייט טשאפמאנען אויפצוהענגען אהן בעזונדערע יורידישע שוועריגקייטען.

האבען אבער די אדוואקאטען פון באנדיט זיך בעווארענט אויך קעגען קולידזשעס „נאבעלער" אמנעסטיע און ווען מען האט טשאפמאנען אין געפענגעניש געבראכט די בענאדיגונג פון פרעזידענט האט ער ערקלערט: היות ווי ער האט קיין בענאדיגונג נישט געבעטען, קען איהם דער פרעזידענט מיט געוואלד אויך דאס נישט געבען".

יעצט וועלען די אמעריקאנער געריכטען זיך דארפען ארויסזאגען וועגען דעם צו מעג א פרעזידענט „אמנעסטירען" אימיצען קעגען זיין ווילען אדער נישט?

די גאנצע געשיכטע וואלט געקענט אויפגענומען ווערען, ווי א ביטערער וויץ ווען עס וואלט נישט געווען קיין ניכטערער אמת.

1) ב. מאשענבערג, 2) ש. ב. איז-ראלסקי, 3) מ. שטערענפעלד, 4) י. יאקובאוויץ און רעווייזיאנס קאמיסיע ה"ה:

א. ערליך, י. גוטמאן און י. ח. וואסער— ווערט איינשטימיג אָנגענומען פאלגענדע רעזאָלוציע.

די אלגעמיינע פערזאמלונג בעשליסט זיך צו ווענדען צו די היגע יודישע דאקטוירים און צום קעלצער אָבטיילונג פון דאקטוירים-פערבאנד וועגען ארויפנעמען דעם אומבערעכטיגען בויקאָט פון די ה"ה דאקטוירים, וועלכע ארבייטען אין אמבולאטאריום ביים „לינת הצדק" אין קעלץ און צו ערמעגליכען די איבריגע יודישע דאקטוירים אין קעלץ צו נעמען א אנטייל אין דער ארבייט פון דעם אָמבולאַטאָריום און קענען לייסטען הילף דעם טהייל אידישער אָרימער בעפעלקערונג אין קעלץ.

דער גענויער בעריכט וועגען דער טהעטיגקייט און די דיסקוסיעס אין קונפטיגען נומער.

## פון דער יודישער ביבליאָטעק.

די יודישע ביבליאָטעק אין קעלץ איז לעצטענס בערייכערט געוואָרען מיט 600 פוילישע ביכער, פון די נייעסטער, ווי אויך מיט איינינע הונדערט ביכער פון די לעצטע ערשיינונגע אין העברעאיש און יודיש.

צוליעב די אויבענדערמאָנטע קניות און צוליעב די גרויסע פערפליכטונגען געפינט זיך די ביבליאָטעק אין א זעהר קריטישער מאטעריעלער לאגע. האָט די פערוואלטונג בעשלאָסען איינצואָרדנען א לאָטעריע, צו 50 גראָשען א בילעט, פון וועלכע די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט געוואָרען לטובת דער ביבליאָטעק.

ס'וואָלט געווען געוואונשען, אַז די אינטעליגענץ און איבערהויפט די יוגענד זאָלען אונטערשטיצען די דאָזיגע סימפאטישע אונטערנעהמונג, און קענען אויך האָבען א געוויסען נוצען, ווייל די געווינסען ענטהאלטען די נייעסטע העברעאישע, יודישע און פוילישע ביכער.

דער רעזולטאט פון דער ציהונג וועט פערעפענטליכט ווערען אין דעם „קיעלצער ראדאָמער לעבען".

בילעטען צו בעקומען אין לאָקאַל פון ביבליאָטעק אין די אָמט-שעה'ן.

## צוניסטישע יוגענד אָרגאַניזאַציע ביי דער ציונ. אָרג. אין קעלץ.

שבת דעם 2/1 ד. י. 3 א זייגער נ. מ. איז פארגעקומען א רעפעראט פון ה' צבי מאָשקאָוויטש א. ד. ט. „די אויפגאַבען פון ציוניזם אין יעצטיגען מאָמענט".

דער רעפערענט אנווייזענדיג די אויפגאבען, וועלכע דער ציוניזם האָט זיך געשטעלט אין יעצטיגען מאמענט, האט אויך בעלויכטען די היסטאָריע פון ציוניזם און זיין ענטוויקלונג.

נאכ'ן רעפעראט זענען געשטעלט געווארען דורך די חברים פערשידענע פראגען, וועלכע זענען גענוי בעלויכטען געווארען דורך דעם רעפערענט.

בכלל האט דער רעפעראט ארויסגערופען גרויס פראינטערעסירונג.

## דער אימפּאָזאַנטער קינדער אָווענד אין דער שולע פון פרוי רייזמאַן.

מיט א קורצע צייט צוריק, איז אין דער שולע פון פרוי רייזמאן פארגעקומען אָ פייערליכע קינדער אָווענד איינגעארדענט דורך די שילערענס פון די נידריגע און העכערע קלאסען. די פערוואַלטער'ן פון דער שולע פרוי רייזמאָן און די לערערינס האבען געהאַלטען פאר די קינדער אינטערעסאַנטע פארלעזונגען וועגען פערשידענע נאַציאָנאַלע פראַגען. דער בופעט איז געווען זעהר א רייכער און ס'איז געווען צו-בעוואונדערען די טענץ פון די קינדער אונטערגעהאַלטען דורך אָרקעסטער.

חאַראקטעריסטיש זענען געווען די פערשידענע קאסטיומען, וואס זענען געמאכט געוואָרען דורך די קינדער מ'האָט געהאט דעם איינדרוק אז מ'האט דא צו טוהן מיט שילערענס פון דער 8 קלאַס גימנאזיום. דאס איז א גענינענדע בעווייז אויף די גוטע פארשריטען פון די קינדער אין די שולע פון דער פרוי רייזמאן. דער אָווענד איז אין א ל ג ע מ י י ן אָרורך מיט ערפאָלג.

## מען שעמט זיך מיט העברעאיש

א גרויסע איפרעגונג האָט אַרויסגערופען אין די היגע יודיש—נאַציאָנאַלע קרייזען, דער פאַקט, וואָס די שילד מיטן העברעאישען אויפשריפט אויפן הויז פון יודישען גימנאַזיום איז פלוצלונג אראָבגענומען געוואָרען.

עס וואָלט כדאי געווען, אַז דער דירעקטאָר זאָל געבען אַנ'ערקלערונג וואָס עס האָט איהם צו דעם אונפערשטענדליכען שריט בעוואויגען.

## יודיש טעאטער אין קעלץ.

היינטיגען שבת, זונטאַג, מאָנטאג און דינסטאָג וועט אין טעאָטער „פאָלסקי" גאסטראָלירען די בעקאַנטע יודישע חברים טרופע פון וואָרשאָווער אַרטיסטען-פעראיין, וועלכע שפיעלט שוין זייט אַ לענגערע צייט אין ראדאָם מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. אין צוזאמענשטעל פון דער טרופע געפינען זיך בעדייטענדע ביהנע כחות, וואָס זענען באמת ווערט וואָרים אונטערגעשטיצט צו ווערען. ס'איז דעריבער צו האָפען, אַז דאָס יודישע קעלץ וועט די גאַסטשפיעלען פון דער יודישער טרופע צאָהלרייך בעזוכען און ערמעגליכען, אַז אויך ביי אונז אין קעלץ זאָל אָפטער געשפיעלט ווערען יודיש—טעאָטער.

## א אלגעמיינע פערזאַמלונג אין האַנדווערקער-פעראיין.

דער קאמף, וועלכער ווערט געפיהרט ארום דעם היגען „לינת-הצדק" ייעט דערגעהן זיין קולמינאציאנס-פונקט אויף דער אלגעמיינער פערזאַמלונג פון דער געזעלשאפט, וואָס וועט די טעג פארקומען.

שבת איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערזאמלונג פארגעקומען א האנדווערקער—פערזאמלונג אויף וועלכער עס איז אָבגעגעבען געווארען א בעריכט דורך די האַנדווערקער, וועלכע זענען פערטרעטען אין דער פערוואלטונג פון „לינת הצדק".

די פערזאַמלונג איז געווען אזוי שטורמיש. אַז זי האט דערמאָנט די מיטינגען פאר די וואהלען צום ערשטען סיים. ענדליך איז געלונגען ארויסצופיהרען א רעזאלוציע, וועלכע דריקט אויס צוטרוי דער פערוואלטונג פון „לינה הצדק" און פאדערט זי אויף אויך ווייטער צו ארבייטען.—

## זעלבסמאָרד

פרייטאָג דעם 1 ד. מ. האָט די אַנגעשטעלטע פון שוו. אלעקסאנדער שפיטאל מיט'ן ציועק צו בגעהן זעלבסמאָרד אויסגעטרינקען א גרעסערע דאָזע עסיג-עסענץ. די שנעלע הילף האָט זי פון טויט אָבגעראַטעוועט און די זעלבסמערדערין געפינט זיך אין שפיטאָל.

## די גרעסטע פושקעס ביי דער לעהרונג אין חדש טבת פאר דעם יודישען נאציאָנאל-פאנד אין קעלץ.

| נומער | פאמיליען און נאמען | אדרעס | נומער | סומע |
|---|---|---|---|---|
| 1 | ש. זאיאָנטשקאָווסקע | אָלטע וואַרשאָווער | 67 | 5,25 |
| 2 | יצחק ראטענבערג | מלינארסקע | 9 | 4.00 |
| 3 | יהודה | „ | „ | 3 25 |
| 4 | ק. קאַץ | נייע ווארשאווער | 4 | 3.25 |
| 5 | ג. גורעוויטש | מאַרק | 2 | 3.75 |
| 6 | באנק לודאָווע | „ | 12 | 27.25 |
| 7 | מאיר זלאטע | באזענציינער | 37 | 5.00 |
| 8 | שמחה איזראעלסקע | קאפיטולנא | 11 | 6 00 |
| 9 | הקהלה המ"ק | לעאָנארדא | 1 | 6 50 |


## בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בעקאנט דאָס פון 1-טען סעפטעמבער 1926 איז געוואָרען געעפענט אין קעלץ, אָרלע גאַס № 9

# א באנק-געשעפט א. ג.

Kielecki Bank Kredytowy spół. z ogr. odp.

אַלע אַרט באַנק אָפעראציעס: ווי: וועקסעל-אינקאסאָ אויף יעדען אומגעגענד, פראכטען א. ד. ג. ווערען שנעל ערלעדיגט און רעעל בעהאַנדעלט.

אינקאסעס ווערען אויסגעצאָהלט אין טאָג פון איינצאָהלונג.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג:

פ. זלאָטא, מ. קאהן.

## OGŁOSZENIE.

Poszukiwany jest poważny wspólnik do pierwszorzędnego i całkowicie urządzonego interesu, znajdującego się w najżywszym punkcie miasta i posiadającego koncesję wódek od 26 lat. **Współpraca nieobowiązuje.**

Wiadomość w Redakcji **„Radomer Kielcer Leben"**

## דאנקזאגונג.

מיר דריקן אויך אונזער הערצליכסטען דאנק די אלע דורך אונזער פערוואלטונג איינגעלאדענע דאמען און הערען, וועלכע האבען מיטגעהאלפען איינארדנען דעם קאנצערט פון „בר-כוכבא", וואס איז פארגעקומען דעם 9/1 אין זאהל פון „מיראזש".

די פערוואלטונג פון „בר—כוכבא"

Niniejszym podaję do wiadomości, Sz. Publiczności m. Radomia, że po kilkoletniej praktyce otworzyłam

# GABINET LEKARSKO-DENTYSTYCZNY

*w Radomiu Rynek № 17*

i przyjmuje pacjentów od godz. **9—2** i od **4—7**

**Ceny przystępne.** **Ceny przystępne**

Lekarz Dentysta

**SZ. BAKOWEN.**

אונזער ג. ראט-מיטגליד ה' מ. קאטליאר צו דער האכצייט פון זיין געליבטען זוהן דוד מיט פרל' סאניע ריינעס וואונשן מיר מזל-ברכה און אייביגן נחת

דער ראט פון דער קאאפעראטיווע האנדווערקער-באנק.

א הערצל כען מזל טוב אונזער ג. וויצע-פרעזעס ה' מ. קאטליאר מיט זיין פרוי צו דער חתונה פון זיין ליבען זוהן דוד מיט פרל' סאניע ריינעס און ווילנא, זאל ער פיל נחת דערלעבען פון יונגען פאר. די פערוואלטונג פון האנדווערקער קלוב אין ראדאם

Z intencji zaręczyn naszej kuzynki panny **Poli Najmanówny** z panem **Szyją Najmanem** życzymy różowej przyszłości a żeby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**Sz. Derdik, E. Gromanówna.**

טעאטער „ראזמאיטאסטי" ראדאם פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אין ווארשא. מיט'ן אנטייל פרויען: ביאלקאוויטש, לובארמאווסקא, זאדב, ראזענצווייג, עפילבאז. מענער: ביאלקאוויטש, בלאט, וויזער, ווינבערג, פעלד, קליינער, שטיין א. א.

אכטונג שבת און זונטאג ווערט נישט געשפיעלט.

פרייטאג דעם 15 ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפיעלט צום צווייטען מאל די פריילעכע אפערעטע אין 4 אקטען.

דער **לוסטיגער פויגעל**

מיטוואך דעם 20 ד. ח. 8.30 אווענד פון 60 גר. ביז 2 זל. ווערט געשפילט די פיעסע אין 4 אקט. פון זלאטארעווסקי

**ווייסע שקלאפען**

**אכטונג קעלץ!**

נור 4 פארשטעלונגען פון די ראדאמער יודישע טרופע אין טעאטר פאלסק

שבת דעם 16 ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפיעלט די פריילעכע קאמ. אפערעטקע אין 3 אק.

**בערעלע באסיאק**

זונטאג דעם 17 ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפילט דער לעצטער אמעריקאנער שלאגער אפערעטע אין 3 אקטען.

**דאס זיסע מיידעל**

מאנטאג דעם 18 ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפילט די פריילעכע אפערעטקע אין 4 אקטען.

**דער אמעריקאנער חתן**

דינסטאג דעם 19 ד. ח. לעצטע פארשטעלונג די פריילעכע אפערעטקע מיט 15 נ. געזאנג אין 4 אקטען וועלכער פלעהט יעצט איבער פוילען און קומט אויך נאך קעלץ

דער **לוסטיגער פויגעל**

אין אלע פיעסען טרעט אויף מיט טענץ דער בעוואוסטער באלעט מייסטער פון די ווארשעווער טעאטער ה' **קליינער**

מוזיק אונטער דער לייטונג פון ה' **גאלדראט**

געשעפטס-פיהרער ה' **לייכטער סופלער בלאט.**

בילעטען פריהער צובעקומען אין צוקערניע ביי ה' **גרונדמאן.**

אין טאג פון פארשטעלונג אין קאסע פון טעאטער פון 5. נ. מיטאג.

### Teatr „Rozmaitości" w Radomiu.

שבת דעם 16-טען און זונטאג דעם 17-טען ה. ח. דאס ווארשעווער אפערעטען טעאטער „נאוואשטש" אין דער שפיץ די בעריהמטע ארטיסטען.

**L U C Y N A M E S S A L**

עס ווערט אויסגעפיהרט ווערען די אפערעטע אין 3 אקטען

# O R Ł O W

**Józef Redo** רעזשיסער

בילעטען צו בעקומען אין טיטין-מקלאר לובעלסקא 40. אין טאג פון די פארשטעלונגען פון 6 אווענד אין קאסע פון טעאטער.

Kino **„ODEON"** w Radomiu

Do poniedziałku 18-go

# PAT i PATACHON

## JAKO CYRKOWCY

Od poniedziałku 18-go b. r. **Zabawa Paryska**

reż MICHAŁA KERTESZA

## דאנקזאגונג.

די נעזולש. „עזרה" דריקט אויס איהר טיפסטען דאנק דעם ה' ראטענבערג אברהם פאר די געשאנקענע כלים פון זיין פאבריק'ס אויסארבייטונג צום ניץ אין דעם אמבולאטאריום ביי דער זעלבער געזעלש. וועלכער ווערט געעפענט אין די נעכסטע טעג פאר ארימע קראנקע.

געזעלש. „עזרה"

## די ניישטע און מאדערנסטע טאפעטען

צו בעדייטענדע ביליגע פרייזען

איז שטענדיג צו בעקומען ביי

**ש. שטיינמאן ראדאם לובלינער 21.**

Kino **„CORSO"** Teatr

Od czwartku 14 do niedzieli 17 stycznia 1926 r. włącznie

# ALBERTINI król APASZÓW

**Sensacyjny dramat w 7-miu dużych aktach**

**w rolach głównych EVI EVA i LUCJANO ALBERTINI**

**Nad program!** — **Nad program!**

Dziennik № 8 z całego świata

Anons! **Wampiry Warszawy**

געזעלשאפט „לינת-הצדק" ביי דער „עזרה" אין ראדאם.

זונטאג דעם 17/1 וועט אין אייגענעם לאקאל (דלוגא 11) אום 4 א זייגער נ. מ. פארקומען א

## אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון „לינת הצדק" טאג ארדנונג:

1) א בעריכט, 2) איינציגע איבעסערונגען צום סטאטוט

בעמערקונג: אין פאל ביי נישט א גענוגענדע צאהל פערזאמעלטע וועט דאס צוזאקומען אין צווייטען טערמין דעם זעלבען טאג 6 א זייגער אווענד ביי יעדע צאהל מיטגלידער.

איינטריט נור פאר מיטגלידער

געזעל. **לינת-הצדק.**

Redakkor i Wydawca CH. M. HERC.

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20